„ZAMOSZCZER SZTYME“ | Należność pocztowa opłacono ryczałtem. | Nr 10 | ערשטער יאָרגאַנג. | פרייז 20 גראָשן.

# זאַמאָשטשער שטימע

צוויי־וועכנטליכער געזעלשאַפטליכער אָרגאַן.

| אַנאָנסן־פרייז: | אַבאָנאמענט־פרייז: | אדרעס פאַר געלט: | אַדרעס פאַר בריוו: |
|---|---|---|---|
| א שורה פעטיט פאַרן טעקסט 30 גראָשן; נאָכן טעקסט 20 גראָשן. געוויינלעכע גראַטולאַציעס און ווינטשונגען—3 זלאָטעס. פאַרן אינהאַלט פון אַנאָנסן און בריוו איז די רעדאַקציע ניט פאַראַנטוואָרטליך. | אין לאַנד: 1 זלאָטע 3 חדשים. אין אויסלאַנד: 25 סענט 3 חדשים. | M. Zylbersztajn, Zamość ul. Bożniczna Nr. 18. | „Zamoszczer Sztyme“ Zamość, Skrz. poczt 72 די רעדאַקציע איז אָפן טעגליך פון 7—9 אָוונט יעדן טאָג. |

Zamość, Piątek 31-go sierpnia 1928 זאַמאָשטש, פרייטיק דעם 31־טן אויגוסט

# יזכור!

## (צום 14-טן יאָרצייט פון די זאַמאָשטשער קדושים).

שוין פערצן יאָר פאַריבער אַז אויף אונזער יידישן בית־עלמין ליגט אַ ברודער־קבר פון קדושים, דערשאָסענע דורך די כוליגאַנעס פון צאַרישן מיליטער. אונזער יידישע געזעלשאַפט בכלל, און די יידישע קהלה בפרט, האָט ביז היינט קיין מצבה נישט געשטעלט, זייערע נעמען און אנדענק זאָל פאַר אונז אַלעמען נישט פאַרגעסן ווערן. ס'איז דעריבער אונזער חוב אין טאָג פון זייער יאָרצייט צו דערמאָנען זיי עפנטליך לזכרון.

— — — — —

געשען איז דאָס ג' אלול תרע"ד.

דאס עסטרייכישע מיליטער האָט שבת פאַרנומען אונזער שטאָט, דער הויפט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע האָט באַרואיקט די באַפעלקערונג, מ'זאָל זיך נישט שרעקן ווייל „זיי זענען נישט קיין קאָזאַקן“... זיי זענען אָבער באַלד אָפּגעטרעטן און מאָנטיק 10 אַזייגער פרי איז דאָס רוסישע מיליטער צוריק אַריין אין שטאָט. אַ יידישע דעלעגאַציע מיטן רב בראש איז זיי אַקעגן געגאַנגען מיט ברויט און זאַלץ, דעם מיליטער האָט מען געטיילט ברויט, פרוכטן א. א. וו. און מיט אַלע מעגלעכקייטן באַמיט צו באַפרידיקן די רוסישע קאַצאַפּעס... גאַסן פרויען און אויסוואורפן וועלכע זענען פריווילעגירט ביים מיליטער זענען געקומען אין זייער געזעלשאַפט, האָבן געהעצט און פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די יידן האָבן פון אויפגענומען דעם שונא—די עסטרייכער, געגעבן די כלל־טוער פון שטאָט, זיי זאָלן זיך צונויפקומען און זוכן אַן אויסוועג פון דער טרויעריקער געשאַפענער לאַגע. אַזאַ באַראַטונג איז טאַקע דאַמאָלט פאָרגעקומען אין מאַגיסטראַט ווו ס'האָבן צווישן אַנדערע אויך אַנטייל גענומען דער רב און מיראָוואָי סודיאַ אָרלאָווסקי. דאָרט איז מען געזעסן און געקלערט ווי אַזוי אָפּצושטעלן דאָס ראַבירן און שיסן אין שטאָט. קודם כל האָט מען באַפוילן די בעקער זיי זאָלן אויפן חשבון פון דער שטאָט, וואָס מער באַקן ברויט כדי ס'זאָל זיין וואָס צו טיילן דעם מיליטער.

דינסטיק 2 אַזייגער נ. מ. טרעפט ה' מאיר מאלער דעם רבס זון **ישעיהו הלוי הורוויץ** און זאָגט אים ער זאָל צוגיין צום מיליטער־פלאַץ (נעבן דער הייניטיקער אַלטער עלעקטראָוואָניע) און זען דאָס ברויט זאָל דעם מיליטער צוטיילט ווערן אין אָרדענונג. ווייל דער פאַטער האָט אָנגעהויבן כאַפּן יידן פון שטוב און גאַס. דערווייל זענען ישעיהו הורוויץ און ישראל הון פון שרעק אַריין צו **מאיר אלטבערג** אין שטוב (וועלכער האָט נאָענט געוווינט נעבן דער עלעקטראָווניע) און אַלע זענען אַראָפּ אין קעלער זיך באַהאַלטן.

אַזוי זענען זיי געלעגן מיט שרעק אַ קורצע צייט. באַלד האָבן זיי דערהערט טריט פון שכורע כוליגאַנעס וועלכע האָבן זיי אויפגעזוכט און פון קעלער אַרויסגעפירט און צוזאַמען מיט נאָך 6 יידן וועלכע זיי האָבן געכאַפּט אין גאַס זיי אויסגעשטעלט טויט בלאַסע אַ שורה, און דער פּולקאָווניק זשולאַבין האָט באַפוילן אויף זיי שיסן.

דרייסט איז ביים פולן באַוווסטזיין איז געוועזן אין דעם מאָמענט נאָר דער 18 יעריקער בחור ישעיהו הורוויץ. ער איז צוגעגאַנגען צום פּולקאָווניק זשולאַבין און מיט טרערן אין די נשמות, די רוצחים האָבן זיך אָבער מיט דעם נישט באַגנוגנט און האָבן נאָך מיט די קאָלבעס פון די ביקסן איבער די מיט בלוט פאַרגאָסענע פנימער פון די קדושים געשלאָגן, אַז געבליבן ליגן זענען זיי פאַרשענדעטע אָן אַ צורת אָדם, און דערקענט האָט מען זיי נאָר אין די צייכנס און בענדלאַך פון די וועש.

זייערע נעמען זענען;

1) מאיר אַלטבערג . 56 יאָר
2) ישראל הון . 34 "
3) ישעיהו הלוי הורוויץ (ווייסבראָד) 18 "
4) זאַנוועל זעגן. . 21 "
5) טעוול פינקענבערג . 48 "
6) הערש פינקענבערג (זון) 18 "
7) משה ערליך . 22 "
8) יצחק גוטהאַרץ . 40 "
9) דוד אייזנבערג . 17 "
10) יצחק דוד פאַס . 21 "

אין דער זעלבער צייט האָט מען אַרויסגעטריבן צום שיסן די גאַנצע ניי־שטעטישע באַפעלקערונג פון שטוב צו שטוב האָט דאָס מיליטער געטריבן יונג און אַלט פון שטאָט אַרויס, דאס געשריי „שמע ישראל“ דאס וויינען פון

# קליינינקייטן.

## ווען מ'שעמט זיך מיט יידיש...

און אַז די היגע יידישע קאָאָפעראַטיווע באנק האָט זיך איבערגעצויגן פון בוזשניטשנע אויף אַ פּרינציפּאַלער גאַס, האָט מען דעם באלקאָן פון נייעם לאָקאַל, באצירט מיט א נייע שילד; נאָר בלויז אין דער — פּוילישער שפּראַך.

אפשר ווייסט נישט די היגע פארוואלטונג פון דער באנק וועלן מיר זיי דערציילן: די צענטראַלע אין ווארשע גיט ארויס פאַרשידענע צייטשריפטן אין דער יידישער שפּראַך, און כמעט אין אלע שטעט אין פּוילן, איבערהויפּט אויף די קרעסן וועט איר נישט געפונען קיין איין יידישע קאָאָפּעראטיווע באנק, וועלכע זאָל זיך שעמען, אויף איר שילד זאָל זיך אויך געפינען א יידישע אויפשריפט. אונזער היגע פארוואלטונג אָבער, (וועלכע באשטייט ס'רוב פון „עמך") האָט זיך משמעות געשעמט מיט יידיש אויף דער פּרינציפּאַלער גאַס, דער „פּריץ" זאָל חלילה נישט מיינען אז ס'איז א זשידאָווסקי באנק...

(סוף פון דער ערשטער זייט)

באקאנטע „טעטיקייט". זיי האבן אונז מזכה געווען מיט נאך א רב און אונז אָנגעגעבן דעם ארגומענט אז זיי זענען—„געגנייט"... זיי האבן אונז באווארפן מיט שוהטיע און אונז דערציילט אז זיי זענען — — „געגנייט"... אלע סובסידיעס פאר געזעלשאפטליכע אדער קולטורעלע אינסטיטוציעס האבן זיי אָפּגעוואָרפן מיטן תירוץ אז זיי זענען — — „געגנייט"... וואזשע כ'בעט אייך איז דער וואונדער וואס דער פרומער פרעזעס טוט נאך דעם ביישפיל פון דער גאנצער קהלד און וויל אויך נישט אפטרעטן פון בענטל ווי אלע פרנסים מיטן אַרגומענה אז ער איז — „געגנייט"?.

דער שכל הישר זאגט דעריבער אונטער, אז — ווי די כראמאַדע אַזוי דער ווארט" אונזער קהלה האט ביז היינט אונז נישט געוואַלט אָפּטרעטן אזוי ווי מען וואלט זי פון קהלה—„געגנייט" צו זיצן און פירן זייער בעלעבאטישקייט, אזוי וויל דער פרעזעס די קהלה נישט אָפּטרעטן, ווייל ער האט אויך א שטארקן „ארגומענט", ער איז אויך — „געגנייט"... אָ ווי „דער באדן אזוי די פּרוכס"...

מאיר.

# צום נומער.

מיר האָבן די התחלה געמאכט, און מיט מי און שוויס אונזער חוב דערפילט — דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון יידישע זאמאָשטש — א צייטונג אַרויסגעגעבן.

הגם גרופּן און יחידים זענען געבליבן און וועלן פאַרבלייבן אומצופרידענע, דאָך וועלן מיר זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מניעות פון רייניקן די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אין אונזער שטאָט און אומגעגנט.

מיר האָבן נישט פון דער צייטונג קיין רוחים — מיר האבן פארדאס שטרעבונגען און פערספּעקטיוון צו שאַפן א בעסערע און שענערע צוקונפט.

## אַ טעות וואָס דערציילט עפּעס.

עס פראקטיצירט זיך אין די מלוכה'שע בילדונגס אנשטאלטן, ווען מען באטראכט לאָמיר זאָגן די קאנדידאטן, וועלכע רעפלעקטירן אָנגענומען צו ווערן אין גימנאזיע, ווערן באפארצוגט קינדער פון בעאמטע, אַרבעטער און סתם פון נישט פארמעגליכע עלטערן.

איז דאָך ה' ש. ג. נישט קיין גביר, נאָר טאקע א האנדלס-אָנגעשטעלטער. נישט זייענדיק בכח אויסצוהאלטן עטלאכע קינדער אין פּריוואטע שולן, האָט ער זיך באמיט, זיין יינגער זון זאָל אָנגענומען ווערן אין היגן מלוכה'שן גימנאזיום א. נ. יאַן זאַמאָיסקי. ס'איז געקומען דער גליקליכער טאָג, ווען דאס יינגל שטייט פאר אן עקזאמען און נאָכדעם ליינט דער לערער איבער אז דער יינגל האָט דעם עקזאמען אויסגעהאלטן און ווערט אָנגענומען אין ערשטן קלאס. די עלטערן פארבערייטן זייער זון מיט הלבשה א. ד. ג. און ווען דער פאָטער ה' ש. ג. קומט אין אַ וואָך ארום אין קאנצעלאריע פון דער גימנאזיע, זאָגט מען אים אַז... ס'איז געווען אַ טעות!

וואָלט דער ייד נישט געווען פּאָרזיצער פון דער היגער קהלה פארוואלטונג, און נישט געהערט צו א געוויסן „צד", וואָלטן מיר זיך געטראכט; א פּראָפעסאָר איז דאָך נישט קיין מלאך... אין דעם פאל אָבער — איז דער טעות א צווייפלהאפטער...

## אַ גוואַלטיקע עולה...

אז „ליבעראלן" צוקריגן זיך מיט א „צד שכנגד" ווערט פלוצים געבוירן א „אומלעגאל קינד", וואָס רופט זיך; א בית-תפלה אויף בוזשניטשנע גאס.

דעם געוועזענעם קהלה לאָקאל, און ווי עס האָט זיך ביז לעצטנס געפונען די קאָאָפּעראטיווע באנק — האָט אַ „צד" אקופּירט פאר אַ מנין.

וואָלטן שוין טאקע די זאמאָשטשער קינדער געווען באזאָרגט מיט יידישע שולן, קינדערהיימען, ביבליאָטעקן, אָוונט קורסן א. א. וו. וואָלט אויך די זאמאָשטשער יידישע באפעלקערונג געווען באזאָרגט מיט פּאסיקע לאָקאַלן פאר זייערע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, וואָלט דער פאקט נישט געווען אזוי שרייענד.—

נאָר ווען מען נעמט אַ קהלהשן לאָקאל און מען מאכט פון אים א קאפּריזנעם „מנין", איז עס א גוואלדיקע עולה וואָס טאָר נישט פארשוויגן ווערן.

## פאַרלעגענע „סחורה"...

אין נומער 185 פון „לובלינער טאָגבלאט" געפינען מיר א ברייטערע „באשרייבונג" וועגן א „געוויסן סוחר (!?) אברהם זיידעל פון זאַמאָשטש וואָס זאָל זיך האָבן פארליבט אין אַ פּאָפּס אַ טאָכטער, און געגן ווילן פון איר פאָטער האָט זי זיך מגיר געווען און מיט אים חתונה געהאט. דער דערמאנטער סוחר איז אין א צייט ארום געשטאָרבן און איר איבערגעלאָזט אלס אלמנה מיט 3 קינדערלאך".

מילא, אז דער סוחר איז קיין סוחר נישט געווען, דער פּאָפּ איז קיין פּאָפּ נישט געווען, און אז די גאנצע „באשרייבונג" איז אַ „ביסעלע" באפעפערט און צוגעשמירט — דאָס אלץ זענען מיר מוחל דעם שרייבער פון „טאָגבלאט", נאר צו וואָס פרעגן מיר, נעמט זיך עפּעס יעצט דער „לובלינער טאָגבלאט" צו אזעלכע „פּשעדוואָיענני" מעשות?

צו פעלט שוין טאקע אין אונזער צייט פרישערע און מער סענסאציאָנעלערע „קאַטשקעס"?

## „אב הרחמים"...

עס איז איבריק דאכט זיך צו דערציילן דעם זאַמאָשטשער עולם, יועגן די גרויסע לייסטונגען פון דער היגער „טאָז" אָפּטיילונג. צענדליקער אָרימע קינדער זענען דאס יאָר איינגעאָרדנט געוואָרן אין האלב און גאנצע זומער קאָלאָניעס, ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די פאָרשטייער פון „טאָז" קומענדיק זאמלן געלט פארן אויבן דערמאנטן צוועק, זענען פרייגטליך און מיט פארשטענדניש דורך אלעמען אויפגענומען געוואָרן.

דער רייכער צעלניק סוחר מ. ג. אָבער (וועלכער פּרעטענדירט אויף פּרעזעסור אין אלע אונזערע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס און גורט אָן די לענדן צו ווערן אונזערס אַ צוקונפטיקער פרנס...) האָט דער דעלעגאציע פון „טאָז", וועלכע איז געקומען צו אים בעטן אַ פאָנד פאַר די זומער-קאָלאָניעס פון אָרימע קינדער געענטפערט: „ס'איז גענוג וואָס איך שיק אויף דאטשע מיינע אייגענע קינדער" און קיין פרוטה אויף דעם צוועק נישט געוואלט געבן.

פרושים צו דער נאָטיץ זענען איבריק, זאָל זאמאָשטש קענען אירע „ווייכהערציקע גביראקראטן...

נ—ק מ—ן.

# וועגן א ספארט-פאריין אין זאמאשטש.

זאמאשטש שמ׳ט אַלס אַ מאדערנע שטאָט, אירע בירגער בפרט די יידישע האבן אַספּיראַציעס פאר אַלץ, וואס איז מאָדערן, נאָר אויף איין געביט איז דער יידישער טייל אָפּגעשטאנען פון אנדערע שטעט און פון די אומות-העולם, דאס איז די פיזישע אַנטוויקלונג און דערציונג. אומעטום טראכט מען אין דער ערשטער רייע וועגן דער פיזישער דערציונג פונם יונגן דור, ווייל מ׳גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון אז דער געזונטס-מצב איז דער יסוד פון אַלצדינג, אפילו פאר די גייסט-מענשן גילט אויך דאם ווערטל; אין א געזונטן קערפּער — אַ געזונטער גייסט. די פארשידענע ספּאָרט-געזעלשאַפטן, ווי למשל אויפן אינטערנאצ. סאצ. קאָנגרעס האבן איבער די גאסן פון ברוסעל מארשירט צענדליקער טויזנטער ארבעטער ספּאָרטס-לייט, דאס האט געזאלט באווייזן די ארגאַניזירטקייט פון אַרבעטער קלאַס און אזוי קומט עס פאָר ביי אַלע נאציעס און שיכטן.

צוליב דער טויזנט-יעריקער נאציאנאלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג איז א גרויסער טייל יידן אנגעפילט מיט מורא און הכנעה פאר דעם שטארקערן, און נאר א געהעריקע פיזישע דערציונג וואלט אָבער דעם געפיל אויסגעוואָרצלט, איבעריקנס יעדער קולטורעלער מענטש ווייסט די באדייטונג פון פיזישער דערציונג פאר דעם דור הן אין נאציאנאלן, הן אין סאציאלן זין.

די פּראגרעסיווע טייל פון אונזער שטאָט מוז זיך וועגן דעם באטראכטן און צוטרעטן שאפן א יידישע ספּאָרט-געזעלשאַפט, אויב ס׳זענען דאָ אָדער ס׳זענען געווען אין זאמאשטש וועלכע ס׳אין ספּאָרט-ארגאניזאציעס האט מען זיי ערנסט נישט געקענט נעמען, די ספּאָרט-געזעלשאפט דארף אַרומנעמען ברייטע קרייזן סיי פון דער ארבעטער יוגנט סיי פון אנדערע שיכטן, די פּאָליטישע אָדער געזעלשאפטליכע חלוקי-דעות דארפן נישט שפּילן קיין ראָלע, העכסטנס וואָלט מען געקענט שאפן אין די ראמען פון אַ אלגעמיינעם ספּאָרט-פאַריין באַזונדערע סעקציעס פון דער אָדער יענער פּאָליטישער גרופּע. ס׳איז נויטיק נאָר די ערשטע איניציאטיוו גרופּע, ווייטערדיקע מיטלען אויף צו פירן די ארבעט וואלטן זיך שוין געפונען, סיי דורך אינטערנעמונגען, זאמלונגען, און אומבאדינקטע שטיצע מצד דעם מאגיסטראט, ווייל אויך דאָס גייט אַריין אין דער קאָמפּעטענץ פון דער שטאָט-פארוואלטונג, די זאָרגן פאר דער פיזישער דערציונג פון אַלע בירגער.

דער מאראלישער געווינס פון אָט אַזא געזעלשאַפט וואלט אויך געווען אַ גרויסער, ווייל אַנשטאט וואס אונזער יוגנט פארברענגט די פרייע צייט אויף אנדערע פארוויילונגען וועלכע דעגענערירן נאר דעם קערפּער און גייסט, וועט זי מאכן פרייע איבונגען, דאס וועט שטארקן דעם גייסט און קערפּער.

איך אַפּעליר דעריבער צו אַלע, וועלכע האבן פארשטענדניש פארן אויבנדערמאָנטן ענין זיי זאָלן שאַפן די ערשטע איניצאטיוו גרופּע צום שאפן א שטארקן און ארגאניזירטן ספּארט-פאריין אין זאמאָשטש.

מ. הערמאַן.

# שלעכט געריינט און שלעכט זיך געלאזט אינפארמירן.

אין זיין וואכנשריפט „פּאלסקאַ יואל-נאשטש" נר, 35 דערציילט וו. דלוגאשעווסקי זיינע לעזער וואס עס קומט פאר אין זאַמאשטש צווישן אנדערס לייענען מיר דארט פאלגנדע „אינטערסאַנטע" נאטיץ;

„אין זאמאשטשער גייט ארויס א וואכן צייטונג (!) אויף יידיש א. נ. „זאמאשטשער שטימע" אין איינעם פון די לעצטע נומערן פון דער צייטונג ווערט געווידמעט א באמערקונג דער אזוי גערופענער גאלדענער אקאַדעמישער יוגנט, וועלכע האט אין זאמאשטש געשאפן אַ „שפּאצירליגע" די מיטגל. פון דער דאזיקער ליגע צייכנען זיך אויס מיט דער פעאיקייט צו טראגן שטעקלאך אין די הענט און פאַרטרייבן די צייט מיט באוונדערן זיך קעגנזייטיק פון פארטאָג ביז שפּעט ביינאכט (!) אט דער דאזיקער יוגנט ווידמעט די „שטימע" אירע באמערקונגען און דערציילט אז אין דער רעדאקציע האט זיך געמאלדן איינער פון גענ. נאבילעס עקסקורסיע מיטגלידער און האט דערקלערט, אז די עסקימאסן און די מענטשן-פרעסער זענען אויפן געביט פון געזעלשאפטליכע וועלט-אנשויונגען מער אנגאזשיאַט ווי די אקאַדעמישע יוגנט אין זאמאשטש. די דאזיקע איינוווינער וואס באַהאלטן זייערע קעפּ אין די ווייסע היטלאַך מיט „אמאַראַנטאווע פּאסקעס" שיקן זיי איבער פון ווייטן צפון זייערע ברודער-גרוסן (!)"...

עס איז דאכט זיך איבריק צו דערציילן די לעזער פון דער „זאמאשטשער שטימע", אז די אובן דערמאנטע נאטיץ, איז להלוטין נישט געווען געדריקט אין אונזער צייטונג, און די גאנצע מעשה פון דער „שפּאציר ליגע" פון דער אקאַדעמישער יוגנט... און די עסקימאסן מיט די „מאַראַנטאווע פּאַסקעס" וואס ווערט דערציילט כלומרשט אין אונזער נאמען, איז כמעט ווי אויסגעזויגן פון פינגער. מיר ראַטן טאקע דעם ה׳ דלוגאשעווסקי צו שאפן זיך בעסערע איבערזעצער און מער פאַראנטווארטליכע „אינפארמאטארן", וועלכע זאלן אים נישט אריינפירן אין אַזעלכע מיאוסע טעותים.

בן דב.

# א וואָרט.

## (פארן נייעם שול יאר)

עס איז פאַראַן ביי אונז פאַרשידענע טיפן שולן. מיר האבן די „פּאוושעכנע", „ווו אונזערע טאטעס פירן דארט אריין ביי די הענטלאך יידן, און נעמען צוריק ארויס גוים"...

עס איז אויך דא ביי אונז א „יידישע" גימנאזיע ווי די קינדער ווערן דארט אין אַ גרויסער מאס דערצויגן אין אַסימילאטארישן גייסט, נישט קענענדיק דאס יידישע לעבן, די (בכדי ס׳זאל באשטעטיקט ווערן די ריכטיקייט פון דעם אויבן געזאגטן דערמאנט אייך אין דער מה-יפית רעדע, וואס אַ לערער האט געהאלטן ביים צוטיילן די מאטורע צייגניש).

עס איז אויך דא ביי אונז פארשידענע חדרים און תלמוד תורות, וואס נעמען אריין אונזערע געזונטע קינדער מיט ברענענדיקע וויגאלאך און שאפן פון זיי קריפּלען, ווי פון קערפּער אַזוי פון גייסט. (וואס דארפט איר מער, אונזערע מלמדים האָבן מורא פארן „ט.א.ז." וואס באַד אויס די קינדער און שערט זיי אפּ די קעפּלאך, ווי פאַרן מלאך המות...)

# פון זאמאשטשער לעבן.

## פון דער קהלה.

נאך א הפסקה פון אייניקע חדשים איז דינסטיק דעם 14 אויגוסט פארגעקומען אַ זיצונג פון קהלה-ראַט, נאכן איבערנעמען דעם לאקאל פון דער קאאפּערטיווער באנק, האט די קהלה אַוועקגענומען די האנט פון הארץ און געמאכט אַ רעמאָנט, איינגעקויפט נייע טישן און בענק, א רעדנער און פּרעסע-טישלאך ווי זי וואָלט די עפנטלעכקייט געוויזן: „זעט, הגם מיר זענען דא אין שמוץ פיר יאָר — — — געשלאָפן, דאך האבן מיר ביי נעילה פון אונזער „טעטיקייט" באוויזן צוצוגרייטן א פאסנדן לאקאל פאר דער נייער קהלה וואס דארף קומען"...

9 אַ זייגער אוונט עפנט דער פאָרזיצער ה׳ מאַלער די זיצונג און בעט דעם סעקרעטאר

האבן פארלאזט דעם לאקאל, ווי ארגאניזירט, אַלע שלומאקעס, מיט דעם האט זיך די בודזשעט-זיצונג פון 5 מינוט געענדיקט.

## גענאַסן פון דער „אַמנעסטיע"

נאָך דער לעצטער „אַמנעסטיע" זענען פון דער זאַמאָשטשער תפיסה באפרייט געווארן 47 קרימינעלע ארעסטאנטן און איין פּאליטישע אַרעסטירטע, די פרל. חיה קנאָבל, 19 יאר אַלט פון יוזעפאָוו-בילג, וועלכע איז אָפּגעזעסן קנאפּע 8 חדשים. אויך זענען פון אַנדערע תפיסות באַפרייט געווארן די פאליטישע ארעסטירטע אונזערע „לאַנדסלייט": בעריש קארמוס 17 יאָר אַלט, באַפרייט פון דער לובלינער תפיסה, זישע האקמאן 20 יאר אלט פון ווראנקער תפיסה. ביידע לעצטע זענען אָפּגעזעסן צו 9 חדשים און מעכל האקמאן

# מאגיסטראט ארויסגעשיקט ייד. קינדער קיין קראַסניבראָד.

זונטיק דעם 3 אויגוסט איז דורכן היגן מאגיסטראַט ארויסגעשיקט געווארן 28 יידישע קינדער פון די „פּאָווזעכנע שולן" אויף „דאטשע" קיין קראסניבראָד. די קינדער האבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון פרל. ג. כהן און גע־ווינט אין דעם בנין פון דארטיקער „שקאָלע פּאָווזעכניע".

# אויפטריטן פון אַרטיסט שערמאַן.

פאריקע וואך האט אין אונזער שטאָט געווײלט דער באַקאַנטער ארטיסט־רעציטאטאָר ה' דוד שערמאן, וווּ ער איז אויפגעטרעטן אייניקע אָוונטן אין זאל פון שטאָט־ראט.

דער ארטיסט איז אונז באַקאַנט נאך מיט אייניקע יאָר צוריק, ווען ער האט אין זאמאשטש רעציטירט די „7 געהאנגענע" אנדרעיעווס א. א. אויך דאס מאָל איז אים געלונגען זיינע רעצי־טאציעס איבערהויפּט הינקעמאַן־טאלערס. דער רעציטאַטאר איז אַ צייט לאנג אויפגעטרעטן אין קראַקאָווער יידישן קונסט־טעאַטר.

# ליקווידאציע פון „מכּבי".

מיט אייניקע טעג צוריק האט דער מיט־גליד פון היגן ספּאָרט־קלוב „מכבי"—וועלכער איז שוין אייניקע יאָר נישט טעטיק — ה' ש. לוק־סעמבורג איבערגעגעבן די מוזיקאַלישע מכשירים וועלכע האבן זיך ביי אים געפונען די גאַנצע צייט, דער היגער יידיש פוילישער גימנאזיע.

וועך ס'האט דעם ה' לוטסעמבורג געגעבן די דאָזיקע רעכט איז פאר אַלעמען אַ רעטעניש, מיר גלויבן אָבער אז ה' לוקסענבורג וועט וועגן דעם געבן אַ עפנטלעכע דערקלערונג.

# פון דער אייגענער „היים".

ווי באַקאַנט האבן אייך די היגע פּראפע־סיאנעלע פאריינען אָפּגעקויפט ביים מאגיסטראט א פארצעלע אויפצובויען זיך אַן ארבעטער־היים. לויט די פארשריפטן פון מאגיסטראט האט אין משך פון דריי חדשים דאָס אָרט פון דער פאר־צעלע געמוזט אַרומגעצוימט ווערן מיט א פּאַרקאַן.

מיט באַוווּנדערונג און מיט איבערגעגעבנ־קייט האָט מען געקענט זען ווי אין א שיינעם פרימארגן זענען עטליכע צענדליק ארבעטער מיטגלידער פון פראָפ. פאריין געשטאנען אויף זייער פּלאַץ און נאך אייניקע שעה איז א פארקן אויפגעשטעלט געווארן.


אַכטונג! — אַכטונג!

דער באַוווּסטער מאַנופאַקטור סוחר אבטשע גלאַזבערג

האָט צום נײַעם סעזאָן געבּרענגט

שטאָפן

אויף מענער־אנצוגען און פּאַלטענס

די נײַסטע און מאָדערנסטע מוסטערן, וועלכע ער פאַרקויפט צו זייער גינסטיקע פרײַזן און באַדינגונגען.

קומט און איבערצייגט אייך!

GLAZBERG, Zamość Rynek 14.


אסתּר ליכטענבערג — דוד לרנר

זמושץ. — זולקיבקה.

נשואים

זמושץ, 28—7.8

צו דער חתונה פון מיין קוזינקע

מלכּה געלבּרג מיט ה' יואל טעפּלער

מיינע בעסטע גליקוווּנטשן

מנחם זילבערשטיין.

# אַנטשולדיקונג.

איך אנטשולדיק זיך פאר ה' משה ערליך פאר מיין נישט טאקטישער האנדלונג קעגן אים.

מיט אכטונג: ישׂראל פוקס.

# פון אונזערע שטעטלאך.

(מעשה'לאַך פון דער פּראָווינץ.)

„קראסין" גייט קיין קראסניבראַד,—א קאלטער קאָמפּרעס האט אים געהאלפן,—„קבורת־חמור" אין טישעוויץ, — און ווען א פריידענקער ווערט א שומר־שבת'ניק.

אַז אין קראסניבראד הערשט אַ ארעמקייט אַ דלות, דארף מען דאך קיינעם דאַכט זיך נישט דערציילן, וואסזשע דארפן די דארטיקע יידן טאָן בכדי אויפצושטעלן זיך א בית המדרש? שיקט זיי דער גורל טאקע אַ וויל געלעגנהייט, מיט אויפנעמען א נייעם שוחט.

דעם רב מיט די דאזערעס האבן באשלאסן און באשטעטיקט, אַז אויפנעמען קענען זיי נאו־דעם שוחט, וואס וועט געבן דער שטאט אַ „נדן" פון 400 דאלאַר, די ראדזינער חסידים האבן אַראפּגעבּרענגט זייערס אַ „קאַנדידאַט" וואס האט געגעבן געלט און וועקסלאך, און דער רב האט געחתמט, און אַלע דאזערעס האבן געלייגט די

מונטערער, א פריילעכער, מיט איין ווארט, אַ געזונטער כּאחד האדם...

איך רעכן אַז פיל פון אייך האָבן שוין געלעזן דאס בוך „קבורת־חמור" פון פרץ סמאָלענסקי, נאָר אויב איר ווילט דאָס בילד זען, מוזט איר אַראָפּפאָרן קיין טישעוויץ.

די טישעוויצער יידן האלטן נאָך שטארק פון זייער מיטלאלטערלעכן מטת־המת, וואס זעט אויס ווי אַ לייטער מיט דריי קרומע פּיס, און וואָס דער פּערטער הענגט נאָך מיט אַ שטריקל צוגעבונדן. א גרינער צוריסענער גארטל, וואָס געדענקט נאָך צו דערציילן פון דער 1־טער

נישט לעבעדיק, געלאָפן צום רב. און אים געזאָגט אז זיי ווילן תשובה טון. דער רב האָט געפּסקנט אז זונטיק אָוונט זאָל דער גאנצער עולם קומען אין בית המדרש אריין, ווו י. ר. וועט לפני כל עם ועדה תשובה טון,

זונטיק אוונט איז דאס בית המדרש פול געווען מיט אנשים נשים וטף און י. ר. איז מיט געלאסענע טריט ארויף אויפן באלעמער און אַ טויט בלאסער גערעדט צום עולם, אז ער האט געזינדיקט, און אויף ווייטער וועט ער תשובה טאן און נישט ארבעטן מער אום שבת.

פון היינט אן דערציילט אונז דער איזבי־צער קארעספאנדענט, גייט דער ה' י. ר. ארום

צו די תנאים פון מיין ליבן ברודער

יונה זימערמאַן מיט פרל. באַרענהאַלץ

ווינש איך זיי א הארציקן מז"ט און פיל גליק.

אלי זימערמאַן (זאמאָשטש)

צו דער חתונה פון אונזער ח־טע

אסתּר ליכטענבערג

מיט ה' דוד לערנער

ווינשן מיר זיי א האַרציקן מז"ט.

פארטיי קאָמיטעט און אָרג. פון „פּועלי־ציון" (פאר. מיט צ.ס.פ.) אין זאמאָשטש.

בו דער חתונה פון מיין ח־טע

אסתּר ליכטענבערג מיט ה' דוד לערנער

ווינטש איך זיי א גליקלעכע צוקונפט

